# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 17 • דאנערשטאג, ז' טבת תשפ"ז • 17טן דעצעמבער 2026 • פרשת ויגש

וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי

בראשית מד, יח

**אין דעם נומער**

**„ויגש אליו יהודה“**
מגיד • לכבוד שבת

**ווער מוז פאסטן עשרה בטבת?**
מי אני • הלכה

**רבי נתן פון ברסלב**
ברסלבער • אנשי שם

**„אל תרגזו בדרך“ — און די אויגן**
א שמועס אויף דער סדרה

**וויאזוי האט מען געשלעפט די שטיינער?**
יידל • וויסנשאפט

**א פארקינג טיקעט בשמחה**
זאלצוואסער • הומאר

# ארכיוו

נומער 17 • דאנערשטאג, ז' טבת תשפ"ז
17טן דעצעמבער 2026 • פרשת ויגש


**הקדמה**

# „ויגש אליו יהודה“

טײַערע לייענער,

די וואך לייענען מיר פרשת ויגש – „ויגש אליו יהודה“. יהודה טרעט צו צום מצרי'שן משנה למלך און בעט אז מען זאל אים נעמען פאר א קנעכט אנשטאט בנימין. יוסף קען זיך מער נישט איינהאלטן און זאגט צוויי ווערטער: „אני יוסף“. דערנאך קומען די עגלות פון מצרים, דער אלטער יעקב לעבט אויף, און די גאנצע משפחה נידערט אראפ קיין גושן.

אין אונזער הויפט־ארטיקל ברענגט „מגיד“ פון דער קרעטשמע צוויי פשטים פונעם ספר „נפלאות חדשות“ אויף יהודה'ס רייד: פארוואס רעדט ער צו א מצרי פון „אונזערע געזעצן“, און וואס מיינט „כי כמוך כפרעה“. אין קאווע שטיבל האט מען אין תשע"ה גערעכנט וויפיל ליכט פון די אויגן א „פסיעה גסה“ נעמט צו, געפרעגט צי יהודה האט שוין געוואוסט ווער עס שטייט פאר אים, און פארוואס יוסף האט באזעצט זיין טאטן אין גושן. אין „תורה און וויסנשאפט“ פארן מיר מיט די עגלות פון מצרים: וויאזוי האבן די מצריים געשלעפט די ריזיגע שטיינער פון די פיראמידן, און צי האט מען שוין דעמאלט געקענט עלעקטריק?

קומענדיגן זונטאג איז עשרה בטבת. אין „הלכה־שמועס“ רעדט מען ווער עס מוז פאסטן און ווער איז פטור, און פארוואס עשרה בטבת איז שטרענגער על פי הלכה. דעם זעלבן טאג איז די יארצייט פון רבי נתן פון ברסלב, און „ברסלבער“ שילדערט די ערשטע יארן פון זיין וועג צו חסידות. „זאלצוואסער“ פרובירט צו האלטן „אל תרגזו בדרך“ אפילו ווען א פאליציאנט שטעלט אפ זיין קאר. דערצו קומען די פעסטע קאלומס: „יארצייטן פון דער וואך“, „פערל פון די ארכיוון“, „היינט מיט . . . יאר צוריק“ און „די תגובה פון דער וואך“.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „ויגש אליו יהודה“ – צוויי פשטים פונעם „נפלאות חדשות“ • מגיד | **3** |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „אל תרגזו בדרך“, „אני יוסף“ און גושן – פשטים און קשיות • מצטמק ויפה, ונבנתה העיר, משולם שטיינפעלד און אנדערע | **5** |
| **הלכה־שמועס • צו עשרה בטבת** | ווער מוז פאסטן? די תעניתים, די קולות – און עשרה בטבת • מי אני, היימלינד, דורש אמת, berlbalaguleh און אנדערע | **6** |
| **תורה און וויסנשאפט** | וויאזוי האבן די מצריים געשלעפט די שטיינער? • יידל, רויטע וואנצעס, נולד מאוחר און אנדערע | **9** |
| **אנשי שם • צו עשרה בטבת** | רבי נתן פון ברסלב – זיינע ערשטע יארן • ברסלבער | **11** |
| **הומאר** | א פארקינג טיקעט בשמחה • zaltzvaser | **12** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **14** |
| **לוח** | יארצייטן פון דער וואך • כינר1 | **18** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **19** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • נקודת-אמת | **21** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **22** |

לכבוד שבת קודש

# „ויגש אליו יהודה“ – צוויי פשטים פונעם „נפלאות חדשות“

„מגיד“ האט אויף דער קרעטשמע געברענגט ווערטער פונעם ספר „נפלאות חדשות“ פון ר' נח מינדעס פון ווילנע. אין דער וואך פון פרשת ויגש תשע"ו – ער האט אנגעהויבן ג' טבת, אויף דער יארצייט פונעם מחבר – פרעגט ער צוויי קשיות אויף יהודה'ס רייד צו יוסף'ן.

פון **מגיד** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

דער קרעטשמע • עולם התורה • „דברי תורה על פרשת השבוע“ • 15טן–16טן דעצעמבער 2015
https://kretchme.sites.tab.bot/t/550.html#p6279

היינט ג' טבת איז די יארצייט פון ר' נח בן ר' אברהם ליפשיץ זצוק"ל (המכונה ר' נח מינדעס) פון דער שטאט ווילנא. קיין סאך איבער די תולדות פון דעם הייליגן צדיק, וואס נאר פון בליקן אין זיינע ספרים זעט מען אז ער איז געווען אן אדם הגדול בענקים א בקי בכל מכמני התורה, איז נישט באקאנט. איין זאך איז אבער אן אומפארלייקענבארע פאקט, ער ליגט ממש נעבן דעם הייליגן ווילנער גאון זי"ע (מיט וועם ער איז געווען א מחותן), און מען האט געלייגט "איין" מציבה פאר די צוויי צדיקים! ווען מען זעט וויאזוי די הייליגע תלמידים פונעם גר"א שרייבן פון זייער רבי'ן איז לא יאומן צו פארשטיין וויאזוי עס איז מעגליך אז זיי האבן געמאכט איין מציבה פאר צוויי, נאר וויבאלד מען רעדט דא פון נאך אן איש גדול וקדוש.

זכותו יגן עלינו.

ער האט מחבר געווען די ספרים "פרפראות לחכמה - נפלאות חדשות", וכשמם כן הם פרפראות לחכמה און נפלאות חדשות, צוויי הייליגע ספרים מיט אומבאשרייבליכע תוכן.

ווען מען נעמט אריין די ספרים אין דער האנט זעט מען בעיקר נאר רמזים, רמזים מיט רמזים. די רמזים אליינס זענען "נפלאות חדשות", ער איז מרמז לויט ראשי תיבות און גימטריאות פלאים'דיגע טייטשן און פשטים, על פי פשט, על פי דרוש ועל פי דרך הקבלה. אבער דאך איז דא אין כמעט יעדע סדרה א ווארט אדער צוויי על פי דרך הדרוש, אן רמזים. און עס איז א ווייטאג אז זיי זענען אומבאקאנט (לפי מיעוט ידיעתי, איך זע קיינמאל נישט נאכברענגען פון זיי, והלואי טעיתי), איך קלער אז עס איז טאקע כדאי אז יעדע וואך וואס עס איז דא פון עם א דרוש זאל איך עס אראפברענגען, לעשות נייחא לנשמתו של אותו צדיק, ושיהיו שפתותיו דובבות בקבר.

די וואך ברענגט ער צוויי דרושים, אבער נישט קיין אייגענע, איינס פון זיין טאטע און א צווייטע בשם חכם א'.

### „בנימוסינו נאמר“

עס איז דא א מדרש אז יהודה האט געזאגט צו יוסף "בנימוסינו נאמר ואם אין לו ונמכר בגניבתו, וזה יש לו", און דאס איז א פלא, וויל יהודה האט דאך געמיינט אז דער מצרי'שער משנה למלך צו וועם ער רעדט איז א פאלנער גוי, טא וואס פרעגט ער עם אפ פון 'בנימוסינו' כתיב, וואס האט ער מיט דיינע געזעצן?

ובשם חכם א' שמעתי, שרייבט דער נפלאות חדשות, אז באמת מוז מען פארשטיין דעם 'נימוסינו' זעלבסט, ואם אין לו ונמכר בגניבתו, ווער וועט אריינגעמען א גנב ביי זיך און שטוב, און נאך צאלן געלט עם צו האבן? נאר, עס שטייט אין פסוק (משלי ו ל) "לא יבוזו לגנב, כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב" מען זאל נישט סתם פארשעמען א גנב, ווייל ער גנב'ט צוליב זיין הונגער, קומט אויס אז ווען מען וועט עם פארקויפן אלס קנעכט און ער וועט האבן אלעס גוטס, עסן פון זיין האר'ס ברויט און באקומען פון עם אלע באקוועמליכקייטן (ווי חז"ל זאגן אז הקונה עבד איז כקונה אדון לעצמו, צוליב די אלע התחייבות'ער וואס ער האט צו צושטעלן פארן עבד) וועט ער שוין מער נישט גנב'נען, אויב אזוי איז דאך 'נימוסינו' געערעכט מיט 'ונמכר בגניבתו', און טאקע נאר ביי 'ואם אין לו', ווייל אויב האט ער יא און דאך גנב'ט ער, קען מען עם נישט פארקויפן, ווייל ער וועט ביים אדון אויך גנב'נען.

דאס האט יהודה געזאגט צו יוסף, בנימוסינו שטייט אז 'ואם אין לו, ונמכר בגניבתו', ווייל אויב האט ער יא לוינט עס נישט פאר דעם וואס קויפט עם, אויב אזוי, אויב ווילסטו עם נאך נעמען פאר דיינס אן עבד קען נישט זיין אז דו האלטסט באמת אז ער איז א גנב, אלא מאי עלילות דברים אתה מעביר עלינו.

## ווער וועט אריינגעמען א גנב ביי זיך און שטוב, און נאך צאלן געלט עם צו האבן?

### „ואל יחר אפך בעבדך, כי כמוך כפרעה"

רש"י שטעלט זיך שוין אויף דעם פשט פון פסוק, און ספעציעל אויף די ווערטער כי כמוך כפרעה.

ר' שלמה גאנצפריעד זצ"ל (דער מחבר פון קיצור שו"ע) אין זיין הערליכן דרוש ספר אפריון זאגט א פשט אין דעם פסוק, בהקדם פשט אין דעם פסוק (מלכים א יג ד) ויהי כשמוע המלך את דבר איש האלקים אשר קרא על המזבח בבית אל, וישלח ירבעם את ידו מעל המזבח, לאמר תפשהו, ותיבש ידו אשר שלח עליו ולא יכול להשיבה אליו.

[די פסוק רעדט דארט פון דעם אז נאך וואס מלכות בית דוד איז פארקלענערט געווארן ווען בית ישראל האט אויפגענומען ירבעם פאר מלך, האט ירבעם מורא געהאט אז ווען די אידן וועלן יו"ט עולה זיין צום ביהמ"ק וועלן זיי זיך צוריק אונטערווארפן אונטער רחבעם'ס מלוכה, און האט דערפאר אויפגעשטעלט אין בית-אל זיינע עגלי זהב און א מזבח צו מקריב זיין קרבנות פאר זיי, כדי די אידן זאלן זיך צוריקהאלטן פון גיין קיין ירושלים. דערציילט די פסוק אז אין איינע פון די טעג יו"ט וואס ירבעם האט געפראוועט "בחודש אשר בדה מלבו" ווען ירבעם איז געשטאנען ביים מזבח און מקריב געווען קרבנות, איז אנגעקומען א נביא, איש האלקים, און האט געזאגט מזבח מזבח (כאילו ער רעדט צום מזבח) כה אמר ה', הנה בן נולד לבית דוד, יאשיהו שמו, וזבח עליך את כהני הבמות המקטירים עליך, ועצמות אדם ישרפו עליך (דער מצודות זאגט אז דער נביא האט געמיינט צו זאגן, יעצט פארברענט מען אויף דיר עצמות פון בהמות, אבער דעמאלטס וועט מען פארברענען עצמות אדם. און רש"י זאגט אז אדם מיינט ירבעם, נאר ער האט עם חולק געווען כבוד און נישט ארויסגעזאגט זיין נאמען). און דער איש האלקים האט געגעבן ביום ההוא א צייכן, הנה המזבח נקרע, ונשפך הדשן אשר עליו. ויהי כשמוע המלך את דבר איש האלקים אשר קרא על המזבח בבית אל, וישלח ירבעם את ידו מעל המזבח, לאמר תפשהו, ותיבש ידו אשר שלח עליו ולא יכול להשיבה אליו.]

פרעגט דער אפריון, די פסוק פאנגט זיך אן ויהי כשמוע המלך, און אויף דעם דערציילט די פסוק ווייטער וישלח את ידו מעל המזבח, ווי ער וויל עם כאפן, פארוואס פעלט אויס דערווארט ירבעם, וישלח ירבעם, מען רעדט דאך פון עם, המלך. נאך מער איז אינטערעסאנט, אז איין מאל רופט עם די פסוק המלך און איין מאל ביים נאמען, ירבעם.

זאגט דער אפריון, ווען א מענטש רעגט אויף זיין חבר, איז זייער מעגליך אז דער חבר וועט זיך תיכף נוקם זיין אין עם, בעוד חמתו באפו. אבער אז איינער וועט אויפרעגן א קעניג וועט דער קעניג זיך נישט אליינס נוקם זיין אין עם אויפ'ן ארט, נאר עס איז געוועגליך דא א סיסטעם וויאזוי מען באשטראפט עם, מיט א רוהיגקייט, איבערגעטראכט, מיט שופטים און געזעץ געבער. יעצט איז הערליך די פשט אין פסוק, ירבעם האט זייער גוט פארשטאנען וואס "עצמות אדם" מיינט, און דאס דערציילט אונז די פסוק, ויהי כשמוע המלך, ווען דער קעניג האט דערהערט וואס דער איש האלקים האט געזאגט, איז ער געווארן אויפגערעגט ווי א פשוט'ער מענטש! וישלח ירבעם את ידו צו כאפן דעם נביא, און דורך א נס איז זיין האנט געווארן שטייף.

דאס האט יהודה געזאגט, ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני, איך גיי רעדן צו דיר קשות, אבער ואל יחר אפך בעבדך, געב נישט דיין צארן אין מיר, כי כמוך כפרעה, און א מלך שטראפט נישט אויפ'ן ארט.

## אז איינער וועט אויפרעגן א קעניג וועט דער קעניג זיך נישט אליינס נוקם זיין אין עם אויפ'ן ארט

שמועסן אויף דער סדרה

# „אל תרגזו בדרך“, „אני יוסף“ און גושן – פשטים און קשיות

אינעם אשכול „טשיקאווע ענינים אויף די סדרה“ אין קאווע שטיבל האבן די שרייבער אין דער וואך פון פרשת ויגש תשע"ה געברענגט ווערטער פון ראשונים און צדיקים – און זיך גלייך גענומען צו רעכענען.

פון **מצטמק ויפה, ובבנתה העיר, משולם שטיינפעלד און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „טשיקאווע ענינים אויף די סדרה“ • 23סטן–28סטן דעצעמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5585-5.html#p242685

**ובבנתה העיר** • 23סטן דעצעמבער 2014

אל תרגזו בדרך - פסיעה גסה נוטלת אחת מת"ק מאור עיניו של אדם.

פארוואס ווערט מען נישט אינגאנצן בלינד נאך 500 פסיעות? זאגט תוס' (תענית י' ע"ב) אז די ערשטע פסיעה נעמט אוועק מער ווי די שפעטערע אלס כל התחלות קשות.

**משולם שטיינפעלד** • 25סטן דעצעמבער 2014

נאך איין פסיעה גסה בלייבט איבער 499 פון דער ראי', ביים נעקסטן גייט נישט אראפ א גאנצע חלק נאר א 1/500 פון 499 און אזוי ווייטער. פארוואס זאל מען בלינד ווערן נאך 500 טריט?

**ובבנתה העיר** • 25סטן דעצעמבער 2014

דאס איז טאקע תוס' תירוץ עיי"ש, נאר עס שטערט איהם סוף סוף פארוואס נעמט די ערשטע מער אוועק ווי די צווייטע.

**דריידל** • 27סטן דעצעמבער 2014

ס'קען זיין אז יעדע פסיעה נעמט אוועק א פינף הונדערטסטל פון וואס ס'איז געבליבן קומט אויס אז ווי שפעטער גייט אלץ אראפ ווייניגער. ודו"ק

יעצט באמערקט אז משולם שרייבט שוין די זעלבע, ומשנה לא זזה ממקומה.

**מצטמק ויפה** • 25סטן דעצעמבער 2014

וידברו אליו את כל דברי יוסף אשר דבר אליהם וגו'.

די רמב"ן ברענגט אז די ברודער האבן למעשה קיינמאל פארציילט פאר יעקב אז זיי האבן פארקויפט יוסף נאר יעקב האט געמיינט אז ער האט זיך פארלוירן, און אראבער האבן איהם געטראפן.
אין פסיקתא שטייט אויך אז דאס איז די סיבה פארוואס יוסף איז קיינמאל געגאנגען באזוכן יעקב הערשט ביז יעקב האט איהם גערופן, ווייל ער האט מורא געהאט אז ער זאל איהם נישט אויספרעגן פונקטלעך וואס עס האט פאסירט מיט איהם.

**מצטמק ויפה** • 25סטן דעצעמבער 2014

ויאמר ישראל אל יוסף אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך כי עודך חי.

די אלשיך הק' ברענגט אויפן פסוק "ויאמר ישראל רב עוד יוסף בני חי אלכה ואראנו בטרם אמות", אז יעקב האט געזאגט איך מוז גיין זען דעם יוסף ווייל עס קען נישט זיין ער האט נישט חוטא געווען אין אזא מקום זוהמה, און ער איז נישט געווארן בארואיגט ביז ער האט איהם געזען "שכן היו מכירים בזמנים ההם, כי שלומי אמוני ישראל קדושים אשר בארץ אשר היו לפנינו בימים ראשונים, מטוהר נפשם וחלאת חולשת זוהמתן, יכירו וידעו בהביט אל פני אדם גם פני איש, הצדיק הוא הרשע, ויעידון ויגידון פרטי מעללי איש בהכרת פניו ולא יחטיאו".

**ירח בן יומו** • 25סטן דעצעמבער 2014

די קאזניצע מגיד אין עבודת ישראל ברענגט דאס אראפ און ער טייטש מיט דעם דעם פסוק ויעל יוסף לקראת אביו אז יוסף האט זיך גארנישט געהאט מיט וואס זיך צו שעמען, און ער האט גארנישט געהאט וואס צו באהאלטן, נאר ער האט געלאזט יעקב איהם קוקן אין פנים.

**מצטמק ויפה** • 26סטן דעצעמבער 2014

וישבת בארץ גושן והיית קרוב אלי.
היאך יהיה קרוב אליו, הרי יוסף לא גר בארץ גושן רק בעיר המלוכה? ופירש הרה"ק רבי מאיר מפרעמישלאן, שכך הוא דרכו של עולם, אם המשפחה גרים יחד באים לידי מריבות וקטטות, לכן אמר יוסף מן הראוי שתשב בארץ גושן, ואני אגור בעיר הבירה, ואזי "והיית קרוב אלי" נשאר קרובים וידידים...
(גליון יין ישן)

**מצטמק ויפה** • 26סטן דעצעמבער 2014

קחו לכם מארץ מצרים עגלות.

אין דעת זקנים איז ער מדייק קחו "לכם" אז דווקא זיי זענען געגאנגען מיט עגלות אבער יעקב האבן די קינדער געהאלטן אויף די אקסעל.

**מצטמק ויפה** • 26סטן דעצעמבער 2014

ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו

אין ספר יד יוסף ווערט געברענגט פון רבי שלמה אלקבץ אז יהודה האט יא דערקענט יוסף נאר האט נישט געוואלט דערציילן די ברודער דערפון.

**לית דין בר נש** • 28סטן דעצעמבער 2014

איז פארוואס האט יהודה אזוי גערודערט?

---

**הלכה־שמועס • צו עשרה בטבת**

# ווער מוז פאסטן? די תעניתים, די קולות — און עשרה בטבת

קומענדיגן זונטאג איז עשרה בטבת. אין זומער תשפ"ד האט „אנטוישטער יונגערמאן“ אין קאווע שטיבל געעפנט אן אשכול מיט מעשיות פון צדיקים וואס האבן מיקל געווען ביי די תעניתים, און דער עולם האט זיך גענומען צו דער הלכה: וואס שטייט אין שולחן ערוך, ווער איז פטור, און פארוואס עשרה בטבת איז אנדערש.

פון **מי אני, היימלינד, דורש אמת, berlbalaguleh און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות • נישט קיין פסק הלכה

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „מתיר א(י)סורים - תעניתים“ • 22סטן יולי – 6טן אויגוסט 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/17156.html#p568469

**אנטווישטער יונגערמאן** • 22סטן יולי 2024

דו פאסט? האסט געוואוסט אז גדולים זענען געווען דערקעגן?

[פארקירצט]

**מי אני** • 22סטן יולי 2024

דאס איז אינטערעסאנט. ווייל עס ווערט גע'פסק'נט באו"ח סימן תקמט סעיף א וסימן תקנ סעיף א אז:
„חייבים להתענות בתשעה באב ובי"ז בתמוז ובג' בתשרי ובעשרה בטבת, מפני דברים הרעים שאירעו בהם.

הכל חייבים להתענות ארבע צומות הללו, ואסור לפרוץ גדר.“

און דער משנ"ב בסימן תקמט ס"ק ג ברענגט צו מלהלן סימן תקסח סעיף א אז אפילו וואו מ'האט אויסגעפאסט דארף מען ווייטער פאסטן ע"ש.

ועיין כאן ובמ"א בסימן תקנ ס"ק א.

ולכן דארף דאס דעקונג אז זיי האבן עובר געווען אויף דער הלכה מקובלת. (אחוץ טאמער וועט מען זאגן אז מ'האט כהיום להלכה א דין ווי א חולה.)

**היימלינד** • 22סטן יולי 2024

דיינע מעשיות ברויכן סיי מקורות אז ס'איז בכלל געשען און סיי מקורות אז ס'איז א הוראה לרבים ולהורות - אסאך מאל ניצט מען א מעשה וואס איז געווען א הוראת שעה בשעת א חולי, מגיפה וכדומה אדער א הוראה ליחיד און מען דרייט עס איבער צום רבים.

לגבי דעם אוסטרובצער: דאס האט גארנישט מיט יא אדער נישט פאסטן, נאר נישט צו פארשעמען א איד [בעל עבירה? חולה?] אויב די מעשה איז בכלל געשען.

לגבי וואס דו שרייבסט וועגן פוילן: דאס איז אמת אז אין פוילן האט מען זייער מיקל געווען פאר פרויען אפילו אום תשעה באב מטעמים מובנים

**האלטער** • 23סטן יולי 2024

לענ"ד איז אזוי: ס'איז פשוט אז ע"פ הלכה דארף מען פאסטן, נאר לגבי יחידים האבן צדיקים מיקל געווען צו ווען מען האט גערעדט פון א חלוש אדער פון פרויען וכד' צו ווען זיי האבן געזען ברוה"ק אז ס'גייט שאטן וכד' איז דא פארשידענע מעשיות. בזמנינו איז מען אין געוויסע קרייזן און אזוי אויך רבנים ודיינים וואס זענען גיכער מיקל לעת הצורך.

די אלע קולות זענען געבויט אויף יסודות ההלכה כמובן.

**סקעפטיקער** • 25סטן יולי 2024

און די פאקט אז זייער אסאך פרויען וואס זענען נישט בכלל מעוברת און מינקת פאסטן נישט, איז נישט קעגן דער הלכה?

**היימלינד** • 25סטן יולי 2024

עפ"י פשטות השו"ע מוז א מעוברת ומינקת פאסטן תשעה באב אבער נישט שאר תעניות משא"כ אנדערע פרויען זענען יא מחויב און אלע תעניתים, למעשה איז דא אסאך מנהגים און קולות, אבער אסאך רבנים פון דעם פריערדיגן דור זענען געגאנגען איין סטעפ ווייניגער ווי הלכה, דהיינו מעוברת ומינקת פאסט בכלל נישט און אנדערע נאר יו"כ, מיידלעך אדער אינגע ווייבלעך וואס האבן נאכנישט קיין קינדער פאסטן טאקע יא אלע תעניתים.

אין אנדערע פלעצער למשל באבוב פאסט מען גארנישט

נהרא ונהרא פשטי'

**מי אני** • 25סטן יולי 2024

איה"נ. אבער דארט איז עס למעשה טיפער. מיינענדיג, ביי די צומות קלות פארלאזט מען זיך אויפ'ן מהרש"ם (דעת תורה או"ח סימן תקנ) אז הגדרת "מעוברת ומינקת" איז פון ווען זי ווערט מעוברת ביז לאחר שתי שנים וואס דאס קינד איז געבוירן ע"ש. און אין אונזער געזעלשאפט איז דאס גאר אסאך פרויען (ואפשר אז גאר רובא דרובא) וואס זענען אין אט די טיימפרעים קאטעגאריע; דערנאך קען זי אפשר גאר געוועקנט ווערן ווי אינעם סוג "זקינה". און איינמאל עס איז שוין הותר מקצתה צו א חלק מינכרא (אויב נישט רוב) פון די פרויען אין דער געזעלשאפט, איז פון דארט און ווייטער סתם אזוי די צומות קלות מער קיל ביי פרויען. (בפרט ווען מ'לייגט דערנאך צו דעם סניף פון "חולות" וכדומה.)

[פארקירצט]

מיינע שוועסטערס פלעגן יא פאסטן אלס מיידלעך נאך די 12.

**דורש אמת** • 5טן אויגוסט 2024

אין שלשה עולמות ברענגט ער אז הגאון ר' שמואל סאלאנט פלעגט זאגן:

ווען מענטשן קומען צו אים בעפאר א תענית צו באקומען א פטור, איז ער זיך נוהג לויט 3 קאטעגאריעס:

-אין די פיר תעניתים (שבעה עשר בתמוז, צום גדלי', עשרה בטבת און תענית אסתר), ווען יענער קומט נאר אריין אין חצר- שרייט ער שוין צו אים פונדערווייטנס:

ביזט פטור פון פאסטן!

-ווען ס'קומט תשעה באב, אויב יענער קומט אריין אין חצר, ווארט ער ביז יענער כאפט אן די קליאמקע פונ'ם טיר - און דעמאלס זאגט ער אים

ביזט פטור פון פאסטן!

-נאר ווען ס'קומט צו יום כיפור, דערקונדיגט ער זיך מיט'ן שואל וואס ס'גייט דא פאר, פאר ער געבט אים א היתר

**berlbalaguleh** • 5טן אויגוסט 2024

דורש אמת: ייש"כ. נאר די מציאות איז א ביסל אנדערש. לאמיר אנהייבן מיט עשרה בטבת. דאס איז דאכציך מיר א ביסל הארב(ער) עפ"י הלכה. און ס'איז אויך גאנץ גרינג צו פאסטן אין רוב מקומות. (אויסער אין אויסטראליע און דרום אמעריקע וואו ס'איז אינמיטן זומער און דער טאג איז גאנץ לאנג.) ווייל ס'קומט אויס כמעט אין ווינטער און דער טאג איז זייער קורץ. ווייל אפילו אין א געוויינליכן טאג טרעפט זיך א סאך מאל אז מ'פארגעסט צו עסן פרישטיג. נאכדעים איז שוין דער זמן פון מנחה ומעריב.

צום גדליה און תענית אסתר זענען א ביסל גרינגער עפ"י הלכה. ספעציעל פאר חולים ומניקות. ווייל צו"ג איז ממילא שוין א נדחה. אויך אז מ'זאל קענען פאסטן יום כיפור.

תשעה באב איז גאנץ גרינג צו פאסטן. פאר רוב מענטשן. ווייל מ'גייט נישט ארבעטן. אן מ'דאוונט א ביסל שפעט. ביז מ'ענדיגט דאווענען און קינות איז שוין נאך חצות. מ'דאוונט א ביסל פריער מנחה. און דער טאג גייט אריבער.

שבעה עשר בתמוז איז א ביסל שווער. וויל ס'איז אינמיטן זומער און די היצן ברענען. דער עולם גייט אויף זייער געוויינליכע ארבעט. און מ'ווערט דארשטיג.

איך האב אמאל געוואוינט אין א מדינה וואו דער גאנצער סדר העולם איז פארקערט. עשרה בטבת איז געווען דער לענגסטער תענית ווייל ס'איז אינמיטן זומער. שבעה עשר בתמוז און תשעה איז אינמיטן "ווינטער".

א איד האט געגעבן קידוש ביי אונז אין ביהמ"ד שבועות האט מען צוגעשטעלט הייסע קאווע פאר'ן עולם. ווייל ס'איז געווען אימיטן "ווינטער". די גאנצע ווינטער איז נישט קעלטער ווי 50 דעגריס.

תורה און וויסנשאפט

# וויאזוי האבן די מצריים געשלעפט די שטיינער?

„קחו לכם מארץ מצרים עגלות“ – יוסף שיקט עגלות פון מצרים. אבער וויאזוי האבן די מצריים געשלעפט די ריזיגע שטיינער פון די פיראמידן? אין תשע"ד האט „יידל“ אין קאווע שטיבל געברענגט א נייע אנטדעקונג פון אינזשענירן אין אמסטערדאם, און דער עולם האט גערעדט פון נאסע זאמד, עלעקטריק אין די צייטן פון חז"ל, און „שכחום וחזרו ויסדום“.

פון **יידל, רויטע וואנצעס, נולד מאוחר און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „פיר טויזנט יעריגע מיסטעריע געלייזט!“ • 1טן–5טן מאי 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6350.html#p198539

**יידל** • 1טן מאי 2014

א מיסטעריע מיט וועלכע וויסנשאפטלער מיטשן זיך שוין יארן לאנג און האט שוין אויפגעברענגט צענדליגע טעאריעס, איינס מאדנער און צעדרייטער פון צווייטן איז ענדגילטיג געלעזט געווארן דורך א גרופע אינדזשענירן אין אמסטערדאמע אוניווערזיטעט. די רעדע איז איבער די מצרי'שע פיראמידן. די פיראמידן זענען געבויט מיט שטיינער וואס וועגן איטליכער אפאר טאן, און עס איז אוממעגליך צו פארשטיין וויאזוי די מצרים האבן געקענט שלעפן אזעלכע שווערע שטיינער פון דעם פלאץ ווי מ'האט זיי אויסגעגראבן ביז דארט ווי זיי זענען ענדגילטיג אראפגעלייגט געווארן. טייל קאנספיראציע טעארעטיקער האבן אפילו פארגעשלאגן אז די מצרים האבן זאגאר געהאט עלעקטעריציטעט אדער אנדערע מאדערנע טעכנעלאגיע מיט וואס זיי האבן זיך באנוצט צו שלעפן די שווערע שטיינער. א מער מיסטערישער טעאריע איז אז די מצרים האבן געהאט הילף פון טונקעלע בריאים ווי שדים אדער עליענס.

אבער יעצט טענה'ן אפאר וויסנשאפטלער אז זיי זענען אויפגעקומען מיט א פשוט'ן לעזונג צו דער מיסטעריע. די וויסנשאפטלער לייגן אראפ די פראבלעם ווי פאלגנד. די שטיינער זענען דאך געשלעפט געווארן אויף מדבר זאמד. ווען מען שלעפט שווערע לאסט אויף זאמד טוען זיך בערגלעך פון זאמד פארמירן פארנט פון דער שווערער לאסט, און אויב פוצט מען דאס נישט אוועק ווערן די בערגלעך גרעסער און גרעסער. די וויסנשאפטלער זענען אבער אויפגעקומען מיט א פאטענט וויאזוי צו פארמיידן די בערגלעך - א פשוט'ער פאטענט וואס נאכן הערן דערפון וואונדערט מען זיך וויאזוי מען האט נישט אליין געטראכט דערפון. נאר טרוקענע זאמד פארמירן בערגלעך, אבער נאסע זאמד קלעבן צוזאמען, אזוי אז זיי בלייבן אין איין פלאץ! דאס האט נאך אלץ נישט פארענטפערט די קושיא וויאזוי זיי האבן געקענט שלעפן אזעלכע שווערע שטיינער, עס האט אבער פארענטפערט וויאזוי די זאמד האט נישט געשטערט דאס שלעפן. אבער דאן האבן די וויסנשאפטלער אנטדעקט נאך א פרט וואס האט געטוישט דעם גאנצן בילד. זיי האבן אנדעקט אז ווי מער וואסער אין די זאמד, אלס גליטשיגער איז די זאמד, און ווי גליטשיגער די זאמד, אלס גרינגער איז דאס שלעפן שווערע לאסטן דערויף.

(פארשטייט זיך אז צופיל וואסער מאכט שוין די זאמד מאראסטיג, אבער אביסל וואסער איז פונקט גענוג צו מאכן די זאמד קלעבעדיג און גליטשיג.)

די וויסנשאפטלער האבן אפילו אנטדעקט ארכעאלאגישע עדות צו זייער טעאריע.

[בילד – נישט אפגעהיט]

אז איר קוקט גוט וועט איר זען ווי אויפן 'סלעד' וואס שלעפט דעם סטאטוע שטייט א קנעכט און גיסט אריין וואסער אין די זאמד!

די איינציגסטע שוועריקייט וואס איז דא אויף דער טעאריע איז וויאזוי די מצריים האבן געהאט צוטריט צו אזופיל קוואנטומען וואסער אין מדבר, און צו משפט'ן לויט דעם בילד, קוקט אויס ווי זיי האבן געגאסן גאר ווייניג וואסער, פיל וויניגער פון וויפיל עס פארלאנגט זיך אז די וואסער זאל ווערן גליטשיג.

(מקור: http://physics.aps.org/synopsis-for/10.1103/PhysRevLett.112.175502)

**רויטע וואנצעס** • 1טן מאי 2014

וואס איז נאכאלץ שווער איז, וויאזוי האבן זיי עס געשלעפט אויף ארויף.

מ'קען דאס אפשר צאמלייגן מיט וואס געוויסע אינזשענירן ווילן זאגן אז מ'האט געמאכט א שיפע בארג אדער רעמפ, וואס מיט יעדע שטאק העכער אין פיראמיד, האט מען עס געמאכט העכער און העכער דורך צולייגן זאמד. לפי"ז האט מען אויף ארויף אויך געניצט נאסע זאמד.

**מאטי** • 1טן מאי 2014

שלום עליכם יידל ... ווער האט גליטשיג געמאכט דיין וועג אהער צו קאווע שטיבל?

**נולד מאוחר** • 2טן מאי 2014

יידל סאיז שוין בעסער צי זאגן זיי האבן געהאט א הענט טראק ווי שלעפן אויף נאסע זאמד, אויך מיר אן אויסטרעף. מרעד דא פון שטיינער וואס מדארף א קרעין, אין דעם טראנק פון אן אדעסי וואלט די אדעסי אינטערגעבראכן, האט מען געשלעפט אויף נאסע זאמד?!

די שטיינער זענען געשניטן מיט א מוראדיגע פונקטלעכקייט וואס איז משמע זיי האבן געהאט לעזער.

**יידל** • 2טן מאי 2014

נולד, א קרעין איז געמאכט אויפצוהייבן אין דער הייעך. די נאסע זאמד איז געווען צו שלעפן פאראויס. כ'כאפ נישט די פארגלייך. וויאזוי מ'האט עס ארויפגעשלעפט אין דער הייעך האט שוין רויטע וואנצעס ערקלערט, מיט א לאנגען רעמפ פון זאמד.

ווער האט דיך איינגערעדט אז דאס איז גאר פונקטליך געשניטן, אזש נאר א לעיזער וואלט געקענט טון אזא ארבעט?

**נולד מאוחר** • 2טן מאי 2014

גערעכט, נישט א קרעין נאר א פלעטבעד מיט צוועלעף דאבעל רעדלעך.

[פארקירצט]

**איך אויך** • 5טן מאי 2014

אין די מערות הכותל האבן זיי א גאנצע הסבר ווי אזוי דאס האט געארבייט. אויך איז דא וואס האלטן אז די חכמה פון היידראלישע קראפט האט שוין עקזיסטירט דעמאלטס ,און איינער האט שוין דא אמאל געברענגט די שיטה (פונעם מנחת אלעזר?) אז בימי חז''ל האט מען שוין גענוצט עלעקטריק נאר עס איז שפעטער פארגעסן געווארן ביז מען האט עס מחדש געווען.

**געפילטע פיש** • 5טן מאי 2014

„אז בימי חז''ל האט מען שוין גענוצט עלעקטריק נאר עס איז שפעטער פארגעסן געווארן."

און דו גלייבסט עס?

**ביבער** • 5טן מאי 2014

עפעס רמזים פון עלעקטריק באנוץ בימים ההם האט מען געטראפן ווי למשל די דענדערע ליכט אדער די בבל'ישע באטערי איז אבער מסתבר אז זיי האבן קיין אנונג נישט געהאט וואס דאס איז, אוודאי האבן זיי קיין מאשינען נישט געקענט מאכן דערפון.

**לבונה זכה** • 5טן מאי 2014

א פראגע צו די וועלכע זענען דוגל אין דער שיטה פון "שכחום וחזרו ויסדום" (מנחת אלעזר?), צי איז דאס גילטיג בלויז פאר אומות וועלכע זענען געקומען אין קאנטאקט מיט אידן (יוונים, רומיים, בבליים) אדער אויך פאר די Inca וועלכע האבן געלעבט אין די אפגעזונדערטע אמעריקע? זייער קונץ איז נאך מער צו באוואונדערן ווייל זיי האבן אפילו נישט געהאט א געשריבענע שפראך וואס די אנדערע האבן יא פארמאגט, ד.ה. זיי האבן ניטאמאל געקענט איבערגעבן זייערע ידיעות אדער פלענער בכתב.

אנשי שם • צו עשרה בטבת

# רבי נתן פון ברסלב – זיינע ערשטע יארן

עשרה בטבת איז די יארצייט פון רבי נתן פון ברסלב, דער תלמיד פון רבי נחמן. „ברסלבער“ האט אין תשע"ו געשילדערט זיינע יונגע יארן – פון דער שטוב וואס איז געווען קעגן חסידות ביז דער ביטערער נאכט אין קדושת לוי'ס שול. דער המשך וואס ער האט צוגעזאגט איז קיינמאל נישט געקומען.

פון **ברסלבער** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • אנשי שם • „הרה"ק רבי נתן מברסלב זי"ע – עשרה בטבת תר"ה“ • 21סטן דעצעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9919.html#p313484

עטליכע שטריכן איבער רבי נתן זי"ע צו דער יארצייט היינט נאכט עשרה בטבת.

הרה"ק רבי נתן מברסלב זי"ע איז געווען דער תלמיד פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע וואס ער האט איבערגעגעבן און ווייטער פארשפרייט די לימודים פון זיין רבי'ן, און נאר דורך אים איז געבליבן ברסלב ביז'ן היינטיגן טאג. כאטש וואס רבי נחמן האט געהאט נאך פילע תלמידים, האבן זיי נישט אזוי שטארק עוסק געווען אין דעם צו פארשפרייטן ווייטער און איבערגעבן פאר אנדערע די לימודים און עצות פון רבי נחמן. רבי נתן איז געווען דער איינציגסטער תלמיד וואס ער האט אוועק געגעבן זיין לעבן פאר דעם ציל. ער אליין איז געווען א גרויסער גאון וצדיק אזוי ווי מען קען זען פון זיינע ספרים, און ער וואלט געקענט זיין א גרויסער רבי אזוי ווי פילע רבי'ס אין זיין צייט, ער האט אבער באשלאסן אז ער וויל נאר פארשפרייטן פאר יעדן די לימודים פון רבי נחמן, ער איז בלויז א תלמיד הדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, ער פערזענליך האט זיך געפירט זייער פשוט, ער האט נישט געפראוועט קיין שום רביסטעווע, און אזוי איז טאקע פאראייביגט געווארן זיין נאמען, אז ער איז דער תלמיד פון רבי נחמן.

רבי נתן איז אויפגעוואקסן אין אן אטמאספער וואס איז געווען זייער קעגן חסידות. זיין טאטע, רבי נפתלי הירץ שטערנהארץ ז"ל, איז געווען א סוחר אבער אויך א גרויסער תלמיד חכם, און ער איז נישט געווען קיין חסיד. זיין שווער איז געווען רבי דוד צבי אוירבאך זצ"ל וואס איז געווען א רב איבער דריי גרויסע שטעט, ער איז געווען א באקאנטער גדול אין זיין צייט, ער האט געהאט א מנהג אז יעדן טאג האט ער געגעסן מיטאג אינאיינעם מיט זיינע קינדער און פאמיליע און ער האט מקפיד געווען צו רעדן יעדן טאג קעגן די חסידים.

אין זיינע יונגע יארן האט רבי נתן זיך שטארק אריינגעלייגט אין לימוד התורה, ער האט געלערנט זייער פלייסיג, און איז געשטיגן גאר שטארק. ער איז געווען דאן באקאנט פאר זיין ספעציעלע בקיעות אין די תוספות אויף ש"ס. ער פלעגט זיצן מיט זיינע חבירים און זיי זענען איבערגעגאנגען פון אויסנווייניג תוספות נאך תוספות.

ער האט אבער געשפירט אז ער ברויך האבן נאך א חיות אין לעבן צו קענען אנגיין, ער האט געפילט אז זיין לעבן איז צו טרוקן, און ער האט פרובירט דאס צו זוכן ביי די חסידים. כאטש וואס ער איז אויפגעוואקסן מיט גאר אן אנדער בליק אויף דעם נושא, האט ער דאך פרובירט אפשר וועט ער דארט טרעפן דאס גליק.

ער איז געווען ביי עטליכע צדיקים. ער איז געווען ביים רבי ר' זושא זצ"ל, וואו ער איז איינמאל געשלאפן ביינאכט אין זיין צימער און געזען זיי עבודת הקודש. ער איז געווען ביים קדושת לוי פאר א שטיק צייט, טייל זאגן אז ער האט געשריבן די "קדושות" אין קדושת לוי, וועלכע זענען געשריבן אויף אן אנדער לשון ווי דער איבריגער טייל פונעם ספר.

ווען זיין ווייב האט געזען ווי ער דרייט זיך ביי די חסידים איז זייער דערשראקן געווארן. זי האט דאך געהערט אלע אירע יארן איבער דער שעדליכקייט פון די סעקטעס. זי איז געלאפן צו איר טאטע'ן זיך אפצורעדן אויף איר מאן, האט איר טאטע איר געפרעגט אויב זי האט געזען עפעס ספעציעלע שינויים ביי איר מאן נאכדעם וואס ער האט זיך אנגעהויבן צו דרייען דארט, אויב ער האט אנגעהויבן צו לערנען ווייניגער א.ד.ג. זי האט געענטפערט אז אדרבה, זינט ער האט זיך אנגעהויבן צו דרייען ביי די חסידים האט ער זיך נאך מער באפלייסט צו לערנען תורה. ווען איר טאטע האט דאס געהערט, האט ער איר געזאגט: "אויב אזוי, זאלסטו אקערן מיט דער נאז צו ברענגען פרנסה, און דו זאלסט אים צורוה לאזן". רבי נתנ'ס טאטע איז אבער יא ברוגז געווארן אויף אים ווען ער האט זיך אנגעהויבן צו דרייען ביי די חסידים.

רבי נתן האט געשפירט א גרויסע חיות און געשמאק אין חסידות, עס האט אים אבער נישט פולשטענדיג באפרידיגט. כאטש וואס פון דעם חלק פון דעם געשמאק, די שמחה און חיות וואס חסידות האט אריינגעלייגט אין די תורה ומצות, פון דעם האט ער זייער

הנאה געהאט, האט אים אבער נישט געשמעקט דאס צופיל אוועקגעבן צייט פאר סעודות און פארברענגען.

**„זאלסטו אקערן מיט דער נאז צו ברענגען פרנסה, און דו זאלסט אים צורוה לאזן“**

איין מוצאי שבת איז ער געזיצן אין שול פונעם הייליגן קדושת לוי, די חסידים דארט האבן געהאט אזא אפמאך אז יעדע וואך מאכט מען א גורל ווער עס זאל גיין קויפן די בייגל פאר מלוה מלכה. יענע וואך איז געפאלן דער גורל אויף רבי נתן און ער איז טאקע ארויסגעגאנגען קויפן בייגל. אויפ'ן וועג איז ער אבער געווארן זייער טרויעריג און דערביטערט, ער האט געטראכט צו זיך: "צוליב דעם בין איך באשאפן געווארן? צו קויפן בייגלעך?" עס איז ארויפגעפאלן אויף אים א גרויסע ביטערניש, ער האט געשפירט אז ער האט נאכנישט געטראפן זיין ציל אויף דער וועלט ווי אזוי ער קען באפרידיגן די דורשט פון זיין נשמה.

ער האט אפגעלאזט די בייגעלעך און ער איז אריינגאנגען אין א ליידיגע שול, ער איז ארויף צום עזרת נשים און גענומען א תהלים און אנגעהויבן זאגן מיט גרויס בכיות. ער האט געזאגט אזוי קאפיטל נאך קאפיטל און ער האט זייער געוויינט. ביז ער איז אנגעקומען צו קאפיטל נ', ווען ער איז איינגעשלאפן פון גרויס איבערגעשטרענגקייט.

**„צוליב דעם בין איך באשאפן געווארן? צו קויפן בייגלעך?“**

## צי לערנט מען רבי נתן אדער רבי נחמן?

באלד נאכן ארטיקל האט „נאסע ליילעך“ געפרעגט, און „דולה ומשקה“ האט געענטפערט:

„נאסע ליילעך“: עפעס האביך אמאל געהערט איבער ברסלב'ע וואס זענען דייקא נאר עוסק אין רבי נחמן'ס ווערק. זיי האלטן כאילו אז רבי נתן'ס תורה איז נישט איגאנצן ווי זיין רבי'נס, צו אז ער מאלט עס גאר אראפ אנדערש ווי ר' נחמן'ס אמת'ע מהלך. עכ"פ כ'וואלטיר געווען דאנקבאר ווען די קלערסט מיר אביסל אויף דערוועגן (מיט מקורות נסמכים, פארשטייט זיך).

„דולה ומשקה“: מוהרא"ש האט אינגאנצן אנדערש, אדרבה מוהרא"ש איז גוט צו פארשטיין אז אלע ספרים פון הרה"ק רבי נחמן בלי שום יוצא מן הכלל האט זיין תלמיד רבי נתן געשריבן, על כן מוטו צוקומען צו רבי נתן כדי צו קענען לערנען רבי נחמן'ס ווערק. וממילא - ווארפא מוהרא"ש אוועק דעם טענה - אז רבי נתן האט נישט געקענט לערנען אנדערש ווי זיין אייגענע שריפטן וואס איז ארויס ממו ידיו. ואי"ה עוד חזון ער האט א לאנגע באשרייבונג דערוועגן.

קאווע שטיבל • 21סטן דעצעמבער 2015

**הומאר**

# א פארקינג טיקעט בשמחה

„אל תרגזו בדרך“ – האט יוסף געזאגט זיינע ברידער פארן וועג אהיים. דער שרייבער פון „זאלצוואסער“ פרובירט עס צו האלטן אויפן וועג, ביז א פאליציאנט שטעלט אים אפ – און ער לערנט זיך פון זיין קליין אינגעלע וואס א פארקינג טיקעט קען זיין.

פון **zaltzvaser** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

יעדעס מאל ווען איך קום ארויס פון אפיס און איך זע דעם אראנדזשן ענוועלאופ אויפן פענסטער, ווער איך עקסטער מלא חימה אויף דער באהערדע פאר די אומדערהערטע חוצפה און עזות פון באראבעווען ווואילע פאלגזאמע בירגער.

מיט גרויס כעס גיב איך א זאג דעם גם זו לטובה, ראה עניי ועמלי, און איך ווארף אריין דעם טיקעט צום לעצטן זיץ פונעם קאר, כדי נישט עובר צו זיין אויפן "אל תרגזו בדרך".

האט אבער פאסירט דאס פאלגענדע, וואס האט מיר געגעבן א שטארקן שאקל, ומעשה שהי' כך הי':

פארנדיג אויפן בענענע געסל קוויקוועי רד. אין קרית יואל, האט א יאפאנעזער קאמאקאזי זיך פארקוקט אויפן ראדאר פונקט ווען איך בין געפארן בארג אראפ אביסעלע העכער ווי די ערלויבטע קלאג לימיט (ספיד) והנה און נון, ער דרייט אויס זיין אויטא און בעט זיך איך זאל אפשטעלן ווייל ער וויל מיט מיר שמועסן.

געוויינליך שטעל איך מיך נישט אפ פאר א גוי, אבער זיינע מאדאלן און בליצער'ס האבן מיר פארגעזאגט אז דער יאפאנעזער וויל נישט נאר וויסן וויאזוי מ'זעט זיך ארויס פונעם בענענע ראוד, נאר ער מיינט ערנסט ביזנעס.

לייסענס און רעגיסטרעישאן פארלאנגט ער, און איך גיב אים אהין. הלואי ווען די מוסדות געבן אזוי שנעל ארויס רעגיסטרעישאן, דארף מען טאקע ארויף שיקן אפאר יאפאנעזער אין אפיס עס אויפפיקן.

אחרי ככלות הכל לאזט ער מיך איבער אפגעפאטשט מיט א רעספעפי פאר פראבלעמען, עס שטייט דארט קלאר אז איך מוז ערשיינען אין געריכט צו דער באשטימטער צייט, און אויסהערן די קלאגעס קעגן מיר און באצאלן דעם פרייז, וואס מיין חבר חיים לייב דער טיקעט כאפער זאגט אז דאס קען מיינען עטליכע פוינטס אויף. יו געט די פוינט?

איך ווער איבערגענומען און הייב אן צו טון לדורון לתפלה למלחמה איך זוך א גוטן אדוואקאט, איך ווארף געלט פאר די פושקעס, איך רוף אן חברה תהלים. חברה חצות. וכו'.

ביי מיר אינדערהיים פאררופט מען א יום תפילה, אלע קינדערלעך זאגן תהלים אז דער שווערער געריכט זאל זיך ענדיגן לשלום. עס איז שוין דער יום הדין, און איך לאז מיך ארויס צום געריכט הויז, פרובירנדיג זיך פארצושטעלן וואס עס ווארט מיך דארט אפ צו זען.

(באמת וויל איך אייך חשובע לייענער מיטטיילן דעם עקספיריענס אין געריכט הויז, אבער איך וועל דאס מוזן שרייבן אין א באזונדערן ארטיקל, צוליב די לעגאלע דיסקלעימער'ס וואס איך מוז אריינלייגן ווי למשל אז מ'דארף זיצן ווען מ'לייענט עס, און נישט טרונקען בשעת מעשה וכו')

דער פראקוראר רופט מיך ארויס און פארהאנדלט מיט מיר אז אזוי וואו איך בין אן ערשטע מאל פארברעכער, גיבט מען מיר צוויי אפציע'ס. איינס אז איך קען פארלאנגען א פולקאמע געריכטליכע ערשיינונג וואו איך וועל זיך פארהערן מיטן יאפאנעזער, און אפשר וועל איך זיין גערעכט. דאס צווייטע איז צו איינטוישן דעם ספידינג טיקעט מיט א פארקינג טיקעט, און צאלן אפאר דאללער קנס.

וואס מיינט איר? איך האב מיט גרויס שמחה געכאפט דעם "פארקינג טיקעט" און בזדון געזאגט פארן דזשאדזש אז איך בין געוועזן שלעכט פארקירט, און ארויס מיט אן עונש פון 150 גרינע.

איך קום אן אהיים מיט גרויס שמחה און וויז פאר די בני בית, אז ב"ה עס איז מיר געלונגען צו טוישן דעם ספידינג טיקעט פאר א פארקינג טיקעט, וואס דאס מיינט אז איך קריג נישט קיין פוינטס, מיין אינשורענס גייט נישט ארויף, איך קען קויפן לייף אינשורענס אן קיין פראבלעמען וכו'.

און דא איז געקומען דער "אמת'דיגער מינוט" (מאמענט אוו טרוטה) מיין קליינער א אינגעלע מיט א ברייט מוח'ל רופט זיך אן: אבער טאטי, אלס ווען די קריגסט א פארקינג טיקעט ביזטו זייער ברוגז, פארוואס פרייסטו זיך יעצט אזוי דערצו?....

פארשטייט זיך אז איך האב אים געמוזט מסביר זיין אז דער פארקינג טיקעט האט מיך אפגעראטעוועט פון פיל אן ערגערן שטראף און דערפאר בין איך אזוי פריילך.

***

עס זענען אריבער א שיינע פאר חדשים פון דעם מאמענט, און איך בין ביי דער שבת'דיגער סעודה געהעריג ווי אלעמאל פארנומען מיט די קינדערלעך ב"ה, און וועלנדיג אויפהייבן דאס פיצלס פון איר בענקעלע, האב איך דעם רוקן א בייג געגעבן ווי מ'טאר נישט, און פארפעלט אן אטעם, עס האט מיך געברענגט שרעקליכע יסורים, אזש איך האב מער נישט געקענט עסן אדער טרינקען, און ווער רעדט פון שלאפן.

קוים מיט צרות האב איך זיך אראפגעלייגט צו אויסגראדן דעם רוקן, אבער די יסורים זענען געווען שטארק ר"ל.

קומט מיר ארויף אין מחשבה די אלע פסוקים און מאמרים, ווי "ראה עניי ועמלי" און איך דערמאן מיך וואס שטייט אין די ספרים הקדושים אז יסורים אויף דער וועלט זענען פילפאכיג מער עושה רושם, און עס איז מבטל אן א שיעור צער און יסורים וואס קומט דעם מענטש פאר זיינע חטאים, און עס מאכט מיך טראכטן אז איך דארף דאנקען דעם אייבערשטן אז נאר אביסל רוקן ווייטאג, און מיט דעם גיבט ער מיר אזא שיינע מתנה ארויסצוקריכן פון די פינסטערע גיהנום ליידן. און עס שפרייט זיך מיר אומווילדיג אויס א שמייכל.

מיין קליינער פרעגט: טאטי, וואס לאכסטו? ס'טוט דיר שוין נישט וויי?

האב איך אים געענטפערט: ניין קינד מיינס, עס טוט מיר נאך זייער וויי, אבער ס'איז א פארקינג טיקעט...

– לאמיר אלעמאל געדענקען אז ווען עס מאכט זיך צער, עגמת נפש, אדער אפילו יסורים, איז דאס די פארקינג טיקעט אנשטאט דעם ספידינג טיקעט! וואלטן מיר דאס געוואלט צוריק ווייזן?-

זאל דער אויבערשטער העלפן אז קיין שום איד זאל נישט האבן קיין יסורים קיינמאל, און אפקומען זאל מען מיט ארויסנעמען פון טאש אנשטאט א דיים א ניקל, און מיט תשובה מאהבה, און משיח זאל אונז שוין אויסלייזן פון דעם פינסטערן זינדיגן גלות במהרה בימינו. אמן

---

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 17טן דעצעמבער, אין פריערדיגע יארן? א פעליעטאן וועגן דעם אידישן „זאגן“, און א בליק אויף די פרענומעראנטן־ליסטעס אין אלטע ספרים.

8

יאר צוריק

2018

## און גאט האט געהייסן זאגן

**מיימון** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 17טן דעצעמבער 2018

פון דעם טאג וואס גאט האט פאר'מיאוס'ט אין זיין היכל און דערווייטערט די קרבנות, האט ער באפוילן זיינע אידן צו זאגן.

נישט מיט שטורעם און נישט מיט פייער ווי אין דעם טאג וואס ער האט די תורה געגעבן האט גאט געטוישט זיין באפעל. נאר מיט א תחנונים'דיגער שטימע, און מיט א בענקענדיק אגדה ניגונ'דל, בעט זיך גאט ביי זיינע קינדער, "אמרו לפני" - זאגט פאר מיר.

און די אידן זאגן. זיי זאגן און זאגן און הערן גאר נישט אויף צו זאגן. פון באגינען ביז אין דער נאכט אריין זאגן זיי. און ווי דאס זאגן איז פיל, תפילות, תחינות, סליחות, בקשות, און זמירות, אבי מען זאגט נאר.

אז גאט האט געהייסן איינס זאגן זיי צויי, און אז די לויים האבן אין בית המקדש געזונגען א קאפיטל לייגן זיי צו נאך איינס פון פארדעם און איינס דערנאכדעם, מיט א קדיש צום פארשלינגען.

און ווער רעדט נאך אין אזא אומגליקליכן טאג וואס מען זאגט אין אים יא צו תחנון, לייגט מען אריין נאך א קאפיטל אין דערינען, א רחמנות אויפן ארימען ארבייטער וועלכער איילט זיך פון שול ארויס, ער קען זיך פשוט נישט דערענדיגן דאס דאווענען.

אלע זאגן זיי. יונג און אלט, ארים און רייך, שטייען זיי אזוי איינגעבויגןביים מחזור'ל און זאגן מיט פלייס די לאנגע פיוטים פון רבי אליעזר הקליר, וועלכע ציען זיך ווי אן ענדלאזער ים ביז אינעם נקדישך אריין.

מען זאגט. מען זאגט. אויף יעדן טאג איז דא זיין זאגעכץ. צי זאל עס זיין חנוכה צי פורים אדער פסח שני, וועט מען דאס סידור'ל אפירנעמען און זאגן. זיבן מאל יושב בסתר, אכט מאל אנא, און ווער ווייסט וויפיל מאל מזמור לדוד.

א גאטספארכטיגער איד וועט נישט פארציכטן אויף די קרבנות, און וועט דאס אפילו אפענדיגן שוין נאכן דאווענען אויב האט זיך אן אונס פאסירט, און פון וואו נעמט מען גאר די כוחות צו מעביר זיין די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום?

שבת צונאכטס ביים טיש וועלן וואילע אידן נישט אויסלאזן פון די זמירות גארנישט. און מוצאי שבת זעט שוין פילייכט אויס אז מען נאר אבי עפעס צו זאגן?

און אז די אידן זאגן האבן זיי נישט קיין צייט צו טראכטן, אינזינען צו האבן דעם פירוש המילות. אבער נישט בא'דאגה'ט. מען וועט זיך אן עצה געבן. העט מען זאגן נאך א שטיקל אין וועלכן מען נעמט זיך אויס כאילו התכוונתי, ונשלמה פרים שפתינו.

און דאס זאגן נעמט נישט קיין סוף. קומט אריין א בן נח אין שול קען ער צו קיינעם קייןווארט נישט רעדן, אלע וויזן זיי אים מיט דער האנט אויפן מויל, און צוצקענען פרום " נו, אה".

אבער אז גאט האט געהייסן זאגן זאגט מען, און וועט זיך עס דען עמיצער איינשטעלן זיין עולם הבא פאר א ספק? זאגט מען טאקע אלע ביידע נוסחאות, און עפעס וועט זיך שוין דערמיט מאכן.

איז לאמיר'זשע אלע זאגן צוזאמען, זאגטס'זשע אידן, זאגטס.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12783.html

12
יאר צוריק
2014

# א בליק אויף צוריק: פרענומעראנטן פון אמאל

**פאטעטא טשיפס** • קאווע שטיבל • ספרים און ביכער • 17טן דעצעמבער 2014

[פארקירצט]

## דער ערשיינונג פון פרענומעראנטן

פון ווען אן קען מען רעכענען דעם מקור פון דעם מנהג פון דרוקן "פרענומעראנטן רשימות" אין ספרים? לויט די ידיעות פון דער שרייבער פון די שורות איז די בראשית-דאטא פון אזא מנהג ארום דעם אנהייב לעצטן פערטל פון אכצענטע יאר-הונדערט, ווען די ליסטעס האבן אנגעהויבן צו ערשיינען אין די מאסן. עס דארף באטאנט ווערן אז ווען מען רעדט וועגן "פרענומעראנטן רשימות" דארף מען באמערקן צוויי פונקטן: 1) עס רעדט זיך דא בלויז פון געדרוקטע רשימות, אבער געקליבן "פרענומעראנטן" אן דרוקן די נעמען האט מען שוין זיך שוין געפירט א לאנגע צייט פאר דער אנגעגעבענער אינפארמאציע. 2) דא רעדט מען אויך נישט פון מעצענאטן (עשירים) און נדבנים, וואס האבן מיט גרעסערע סכומים ערמעגליכט א מחבר ארויסגעבן א ספר. דאס קען מען שוין געפינען אין ספרים מיט צענדליגע יארן פריער ווי די אנגעגעבענע אינפארמאציע.

דא רעדן מיר אויך נישט פון אזעלכע ספרים וואס מען האט זיך פרענומערירט אויף זיי "בויגנווייז". דאס מיינט אז די שטייגער איז געווען אז מען פלעגט זיך קענען איינהאנדלען יעדע פאפיר באזונדער און האט באקומען דער ספרים איינציגווייז יעדע וואך אדער צוויי עטליכע זייטן פונעם ספר און ווען מערן האט ערהאלטן אלע בויגענעס פון ספר האט מען דאס פיליכט געבינדן אין פארעם פון א ספר - דאס אלעס האט זיך אבער געוואנדן אין דער שנעלקייט וואס מען האט געדרוקט דעם ספר. אזא סארט פרענומעראנטן איז עלטער ווי די אויבנדערמאנטע אינפארמאציע, א ביישפיל איז די "מחזור אמסטערדאם", וואס אין איר 'התנצלות המדפיס' שטייט ווי פאלגענד (איבערטייטשט אויף אידיש): "איך מוז מודה זיין אז איך בין נאר א שליח פון די מזכה הרבים, דאס זענען די יחידי סגולה וואס העלפן מיר בחתימת ידיהם און קומען יעדע וואך אפנעמען דער חיבור בויגנווייז". אין יאר תצ"ג האט ר' שלמה זלמן לאנדאן אויפ'ן זעלבן אופן ארויסגעגעבן אין אמסטערדאם דעם באקאנטע מוסר ספר "אורחות צדיקים". די ערשטע דרוק פונעם תשב"ץ (געדרוקט אין אמסטערדאם, תצ"ח-תק"א) פארמאגט אויך חותמים אבער ס'רוב זענען נאר קצינים, נדיבים, גבירים און דאס גלייכן און שטעלט נישט פאר מיט זיך די כלליות'דיגע בילד פון פרענומעראנטן ליסטעס מיט וואס מיר פארנעמען זיך.

עס שטעלט זיך פערצופאל ארויס אז די בויגן-פרענומעראציע איז נישט שטענדיג געווען אזוי סוקסעספול מיט הצלחה. ביישפיל ווי עס פארציילן די ארויסגעבער פון דעם ש"ס אמסטערדאם (אין מסכת נדה, תקכ"ה) אז דער 'עיכובא בש"ס' - דער אורזאך אונטער דעם אפהאלט וואס האט פארזוימט דאס דרוקן פון דעם ש"ס איז צוליב דער קליינער צאל חותמים וואס האבן זיך פארשריבן דערויף. מען האט דעריבער געדארפט אנקומען צו מעצענאטן (גבירים) צו פארענדיגן דרוקן דעם ש"ס.
ענליך איז געווען דער גורל פון דעם 'פירוש נחמד' אויף תלמוד ירושלמי פון ר' בנימין מוסאפיאס וואס האט געדארפט געדרוקט ווערן בשנת תק"א לפ"ק מיט חתימות אבער איז נאך ביז'ן היינטיגן טאג נישט געדריקט געווארן.

## גרויסע הצלחה פון דער פרענומעראציע-סיסטעם

די פרענומעראציע סיסטעם מיט איר מאסן דערשיינונג, ווען די מחברים האבן געהאנדלט דירעקט מיט די איינקויפער, האט געהאט א קענטיגן חלק אין באררייכערן די אידישע ספרים ליטעראטור - אבער נישט קיין ביכער.

די סיבה פאד די הצלחה פון דער פרענומעראציע פון די רבני'שע ספרים איז א פשוטע. וויבאלד קויפן א ספר ווערט געערעכנט ווי מען איז מחזק הרבצת התורה - א גרויסע מצוה וואס אפילו די פשוט'ע עמך איד האט זיך געיאגט מקיים צו זיין. טויזנטער פון די חותמים האבן זאגאר זיך נישט געקענט באנוצן מיט אסאך פון די פרענומערירטע ספרים - אבער זיי האבן פאקטיש נישט געקויפט דעם ספר נאר פאר איינע סיבה מקיים צו זיין די מצוה פון קויפן א ספר און

אין איינוועגס נאך מקיים זיין די מצוה פון "הרבצת התורה". און דערצו איז דא נאך א טעם: דעם געדאנק פון דעם אפדרוקן דעם אייגענעם נאמען אין א הייליגע ספר איז ביי אסאך אידן אויסגענוצט געווארן פאר הזכרת נשמות, ווי אויך פאר א סגולה אויך פאר לעבעדיגע. מיר געפינען טאקע ווי פרענומעראנטן גיבן "להזכרת נשמת"; "לעילו נשמת"; "ויפקדהו הא-ל בזרע אנשי"ם אדער "ויפקדהו הא-ל בבנים זכרים" און דאס גלייכן. עס איז - אלזא - נישט קיין וואונדער פארוואס אנשטאט דעםווארט 'פרענומעראנטן' ווערט גענוצט דעם טיטל פון "תומכי דאורייתא".

אין יאר תשל"ה איז ערשינען פון ניו-יארק א ספר מיט'ן נאמען "ספר הפרענומעראנטן" באצייכענט אין איר שער בלאט קעפל אלץ א "וועגווייזער צו פרענומערירטע ספרים און זייערע חותמים פון 8,767 קהילות פון אייראפע און צפון-אפריקע". אין זיין הקדמה צייכענט דער מלקט אן אז לויט זיין חשבון
א פערציגסטל פון זיין גאנצע מאטעריאל - איז די צאל פון זיינע פרענומעראנטן ארום 353 טויזנט (!). דערנאך רעכנט ער ארויס קורצע ליסטע פון "מחבר'ישע תירוצים", ד.מ. תירוצים וואס מחברים האבן זיך פארענטפערט פארוואס זיי פארעפנטליכן נישט זייערע "פרענומעראנטן", וואס ווען נישט דאס וואלט די צאל פון פרענומעראנטן פון זיין חיבור מעגליך דערגרייכט צו דער סומע פון א האלבע מיליאן נעמען. עס איז אינטערסאנט אנצומערקן אז ביים ענדע פון ספר האט דער מחבר ארייגעלייגט א מפתח אויסגעשטעלט לויט די נעמען און שטעט.

## די גרויסע ענין פון פרענומעראציע

דער עצם פארעפענטליכן די נעמען פון די פרענומעראנטן איז מאטיווירט געווארן מיט א מצוה, פאררופן אויף גאונים און גדולים. אין מסכת אבות וואס ר' נח חיים מקאברין האט ארויסגעגעבן (ווארשא, תרכ"ח), ווערט מאטיווירט דאס אפדרוקן "שמות ומקבלי הספר" אזוי: "הרשב"א בתשובה סי' תקפ"א - מדת התורה היא שהיא כותבת ומפרסמת עושי מצוה, ואם התורה עשתה כן, צריכין אנו להלוך אחרי מדותיה של תורה".

אין ספר "כנפי יונה" לרמ"ע מפאנו ברענגט דער ארויסגעבער אנדערע ווערטער פון רשב"א: "ובפ' יש נוחלין דף קל"ג עמדו וכתבו יוסף בן יועזר הכניס אחת ובניו הכניסו שש, מכאן אתה למד שהיו נוהגין לרשום שמות המקודשים לשמים להיות להם לזכרון טוב על מצות". ר' עזרא אלטשולער אין "תקנת עזרא" (פיעטרקוב, תרצ"א) ברענגט אין נאמען פון הגאון בעל "סמיכת לחיים" צען מצוות, וואס זענען פארבינדן מיט העלפן ארויסגעבן א ספר. טיילמאל האט זיך עס געהאנדלט איבער דער פשוט'ער מצוה פון צדקה, נעמליך, ארויסצוהעלפן א געפאלענעם תלמיד חכם, זיין אלמנה אדער אנדערע פון זיינע בני בית. [פארקירצט]

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5899.html

**לוח • נייער קאלום**

# יארצייטן פון דער וואך

ז'–י"ג טבת. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי היי־יאר. פאר ח' טבת האט די רשימה נישט קיין נעמען.

פון **כינר1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 4טן יאנואר 2004
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6209630

## דאנערשטאג, ז' טבת • 17טן דעצעמבער

- הרה"ק ר' צבי בן מורינו ישראל בעש"ט זיע"א • תק"מ
- הרה"ק ר' ברוך מקאמינקא זי"ע (תלמיד הבעש"ט זי"ע)
- הרה"ק ר' מרדכי יוסף מאיזביצא ב"ר יעקב זי"ע (בעמח"ס מי השילוח) • תרי"ד

## שבת קודש, ט' טבת • 19טן דעצעמבער

- עזרא הסופר זי"ע • ג"א תמ"ב
- נחמיה בן חכליה זי"ע
- רבנו יהוסף ב"ר שמואל הנגיד מגרנדה הי"ד חתן רבנו נסים גאון מקירואן זצ"ל נהרג בפרעות הערבים יחד עם כ-1500 יהודים הי"ד • ד"א תתכ"ז
- הרה"ק ר' אברהם חיים ב"ר נפתלי שור (בעמח"ס תורת חיים) • שצ"ב
- הגאון ר' ישועה בסיס מתוניס זצ"ל • תר"כ

## זונטאג, י' טבת • 20סטן דעצעמבער

- זכריה בן ברכיה בן עדו הנביא זי"ע • ג"א תמ"ח
- מלאכי הנביא זי"ע
- הגאון ר' יהודה לייב ב"ר עובדיה איילנבורג זצ"ל (בעמח"ס מנחת יהודה על פירש"י על התורה) • ה"א שע"א
- הרה"ק ר' נתן מברסלב ב"ר נפתלי הירץ שטרנהרץ זי"ע (בעמח"ס ליקוטי הלכות) • תר"ה
- הרה"ק ר' מאיר שלום רבינוביץ מקאלישין (בעמח"ס נהר שלום) ב"ר יהושע אשר מפאריסוב זי"ע • תרס"ג
- הרה"ק ר' ירחמיאל יוסף ב"ר אלעזר מנחם בידרמן מלעלוב ירושלים זי"ע • תרע"ח
- הגאון ר' מאיר חיים ב"ר יעקב אונגר זצ"ל אב"ד לאקנבאך • תשי"ח
- הרה"ק ר' אברהם אבא ב"ר יוסף לייפער מפטיסבורג אשדוד זי"ע • תש"ן

## מאנטאג, י"א טבת • 21סטן דעצעמבער

- הרה"ק ר' משה אוסטרר ב"ר הלל זי"ע (בעמח"ס ערוגת הבושם) • תקמ"ה
- הגאון ר' שלמה ב"ר עקיבא אייגר זצ"ל (בעמח"ס גליון מהרש"א) • תרי"ב
- הגאון ר' שלמה זלמן ב"ר שלום אולמן זצ"ל אב"ד מאקאווא (בעמח"ס יריעות שלמה) • תרכ"ג
- הגאון ר' שלמה יהודה ב"ר פסח צבי טאבאק מסיגעט זצ"ל (בעמח"ס ערך שי) • תרס"ח
- הרה"ק ר' יהושע ב"ר מאיר מדזיקוב זי"ע (בעמח"ס עטרת ישועה) • תרע"ג
- הגאון ר' משה ב"ר אליעזר ברגמן זצ"ל ראש ישיבת רשב"י בני ברק • תשל"ח
- הרה"ק ר' יעקב יוסף שלמה ב"ר חיים דוב הלפרין מוואסלוי תל אביב זי"ע • תשמ"ה

## דינסטאג, י"ב טבת • 22סטן דעצעמבער

- הגאון ר' משה ב"ר שמעון מרגליות זצ"ל (בעמח"ס פני משה על הירושלמי) • תקמ"א
- הרה"ק ר' משה הלוי סופר השני מפשעווארסק ב"ר יצחק זי"ע (בעמח"ס אור פני משה) • תקס"ו
- הרה"ק ר' מרדכי חיים ב"ר יהודה לייב קסטלניץ זי"ע המכונה רבי מוטל סלונימער/דיין (בעמח"ס מאמר מרדכי) • תשי"ד

**מיטוואך, י"ג טבת • 23סטן דעצעמבער**

- הרה"ק ר' משה ב"ר דוד מלעלוב זי"ע • תרי"א
- הרה"ק ר' שרגא פייבוש מזלישטשיק ב"ר ברוך מויזניץ זי"ע • תרצ"ז
- הרה"ק ר' מנחם מנדל מווישיווא (בעמח"ס שארית מנחם) ב"ר ישראל מויזניץ זי"ע • תש"א
- הגאון ר' יחיאל מרדכי ב"ר משה אהרן גורדון זצ"ל ראש ישיבת לומז'א בפתח תקוה (בעמח"ס נתיבי ים) • תשכ"ה
- הגאון ר' שלמה ב"ר שמואל סובול זצ"ל (בעמח"ס שלמת חיים ושלמת יוסף) • תש"ל
- הרה"ק ר' יצחק ב"ר אשר אנשיל הכהן הוברמן זי"ע הצדיק מרעננה (בעמח"ס ברכה משולשת) • תשל"ז

---

**קורץ און שארף**

# פערל פון די ארכיוון

א וויץ אויף די עגלות, א דיוק אין „צוארי בנימין“, און א חיזוק פון צוויי ווערטער: „אני יוסף“.

## „וירא את העגלות“ — א ישיבה אדער א בית תלמוד?

**ציבעלע-קיגל:**

[פארקירצט] "ואת יהודה שלח לפניו להורות" זאגט רש"י "לתקן לו בית תלמוד"

איז שווער, אויב ער גייט עפענען א ישיבה פארוואס עפעס בית התלמוד? פארוואס נישט בריסק? אדער פאנעוויטש?

נאר עס שטייט "וירא את העגלות" יוסף הצדיק האט געשיקט די וועגענער (עגלות) צו ווייזן אז ער געדענקט אז די לעצטע זאך וואס ער האט געלערענט מיט יעקב איז געווען די סוגי' פון עגלה ערופה... דאס מיינט אז ער האט נאך אלץ געלערענט די זעלבע זאך...

צוויי און צוואנציג (22) יאר קוועטשן אויף די סוגי' פון עגלה ערופה? דאס איז נאר אין בית התלמוד!

קאווע שטיבל • „מילתא דבדיחותא“ • 20סטן יאנואר 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/66-21.html#p249012

## „ויפל על צוארי בנימין“ – וויפיל העלדזער?

**תחכמוני:**

[פארקירצט] דיביישפיל ווי חז"ל דרש'נען 'צאורי בנימין' ברענגט גוט ארויס די חילוק פון פשט און דרש. חז"ל האבן זיך געמוטשעט פארוואס שטייט צאורי בלשון רבים "כמה צוארין הוו ליה לבנימין (מגילה טז:)" זענען זיי אויפגעקומען מיט זייער פשט אז דאס מיינט צוויי בתי מקדש. אבער אז דו וועסט ארומקוקן אין נ"ך וועסטו זען אז צואר איז גענוצט זייער אפט בלשון רבים אפילו אין דער זעלבער פרשה "ויאסר יוסף מרכבתו ויעל לקראת ישראל אביו גשנה וירא אליו ויפל על צואריו ויבך על צואריו". דאס רופט זיך אין ענגליש "Plural of extension". אזוי וועסטו אויך טרעפן מראשותיו בלשון רבים. חוץ אויב מיר וועלן דרש'נען אז יעקב האט געהאט צוויי קעפ.

[פארקירצט]

קאווע שטיבל • „דרשות חז"ל וסיפורי מעשיות“ • 15טן אפריל 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3437.html#p104902

## „אני יוסף“ – וואס עס פעלט אונז

**ברסלבער:**

די פארגאנגענע וואך אין דער פרשה זעט מען א געוואלדיגע זאך. די שבטים האבן נישט געקענט פארשטיין וואס דער מצרי'שער קעניג וויל פון זייער לעבן האבן, ער האט זיך סתם גענומען אויף זייערעביינער זיי צו דערגיין די יארן אן קיין שום בארעכטיגטע סיבה. און ווי מען זעט אין חז"ל האבן זיי געזען אין אים אז ער איז אן ערליכער מענטש, און דאס האט זיי נאך מער צומישט, אויב ער איז יא אן ערליכער, דאן פארוואס רייט ער אזוי אויף זיי, פארוואס האט ער זיך אזוי פארלייגט אויף זיי?
אבער די אלע קשיות זענען פארענטפערט געווארן בלויז מיט צוויי ווערטער וואס יוסף האט געזאגט: "אני יוסף", יעצט שטימט שוין אלעס זייער גוט. עס איז געווען בלויז גאר א קליין שטיקל אינפארמאציע וואס האט זיי געפעלט, וואס מיט דעם שטימט אלעס א מחי'.

א איד דרייט זיך ארום מיט קשיות, ער פארשטייט נישט פארוואס אלעס גייט אים אזוי שלעכט קאפויער, פון איין זייט ווייסט ער אז דער אייבערשטער איז א גוטער, טוב ה' לכל, און אלעס דארף זיין גוט, אבער למעשה זעט ער נישט אזוי ארויס די גוטסקייט. דאן דארף מען געדענקען אז עס קען זייער מעגליך זיין אז מען פארפעלט פשוט א גאר קליין חלק אינפארמאציע, און ווען מען גלייבט באמונה שלימה אז דער אייבערשטער שטייט אונטער די אלע זאכן, און מען טראסט אים אז ער ווייסט און פארשטייט גוט ווי אזוי צו פירן די וועלט, דאן איז די מצב אסאך רוהיגער.
אמאל קומט א צייט וואס מען זעט און מען שפירט דעם "אני יוסף", זאכן ווערן שיין פארענטפערט און ווערן געשטעלט אויפן פלאץ, און אמאל דארף מען נאך ציווארטן אויפן תירוץ. אבער דאס איז אמאל זיכער אז אלעס שטימט.

קאווע שטיבל • „חיזוק אין אמונה פאר אונזער דור שפל!!“ • 8טן דעצעמבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5371.html#p166956

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

„פרייווילִיג“ האט אין קאווע שטיבל געפרעגט: יוסף ווייסט דאך פון יהודה'ס רייד אז זיין טאטע לעבט – פארוואס פרעגט ער „העוד אבי חי“? „נקודת-אמת“ האט געענטפערט:

”

די קשיא איז בעצם נאך שווערער, וויבאלד יוסף האט דאך געפרעגט 'השלום אביכם הזקן אשר אמרתם העודנו חי' (ביי פרשת מקץ) און דערנאך האט ער באהאלטן די בעכער'ל ביי בנימין'ן'ס טאשקע, און 'טרם הרחיקו' האט מען זיי באלד געכאפט און צוריק געברענגט, איז וואו קומט אריין, נאך-א-מאל איבער-צו-פרעגן ווען ער ווייסט קלאר אז זיי האבן נישט באזוכט דעם טאט'ן אין-צווישן, אתמהה.

נאר וואס דען, איז פארהאן א טייערע ווארט, וואס איז אויך מסביר כמין חומר די באקאנטע מדרש רבה בפרשתן: "ר' אלעזר בן עזריה אמר אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה ומה יוסף הצדיק שהוא ב"ו כשהוכיח את אחיו לא יכלו לעמוד בתוכחתו הקדוש ברוך הוא שהוא דיין ובעל דין ויושב על כסא דין ודן כל אחד ואחד עאכ"ו שאין כל ב"ו יכולים לעמוד לפניו"

אז נאך וואס יהודה האט געטענה'ט מיט א פעסטקייט אז ''והיה כראותו כי אין הנער ומת" האט יוסף געזאגט מיט א תוכחה: "אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה, העוד אבי חי" כלומר, ווען אייך האבן מיר פארקויפט פאר די ישמעאלים, וואו איז דענטסמאל געווען די דאגה פון 'כראותו כי אין הנער ומת' הא?!

און אויף דעם 'ולא יכלו אחיו לענות אותו'.

**נקודת-אמת** • קאווע שטיבל • 13טן דעצעמבער 2018

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12771.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „„ויגש אליו יהודה“ – צוויי פשטים פונעם „נפלאות חדשות““ · **מגיד**<br>דער קרעטשמע · עולם התורה · אשכול „דברי תורה על פרשת השבוע“ · 15טן–16טן דעצעמבער 2015<br>https://kretchme.sites.tab.bot/t/550.html#p6279 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „„אל תרגזו בדרך“, „אני יוסף“ און גושן – פשטים און קשיות“ · **מצטמק ויפה, ונבנתה העיר, משולם שטיינפעלד און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „טשיקאווע ענינים אויף די סדרה“ · 23סטן–28סטן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5585-5.html#p242685 |
| **הלכה־שמועס • צו עשרה בטבת** | „ווער מוז פאסטן? די תעניתים, די קולות – און עשרה בטבת“ · **מי אני, היימלינד, דורש אמת, berlbalaguleh און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „מתיר א(י)סורים - תעניתים“ · 22סטן יולי – 6טן אויגוסט 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/17156.html#p568469 |
| **תורה און וויסנשאפט** | „וויאזוי האבן די מצריים געשלעפט די שטיינער?“ · **יידל, רויטע וואנצעס, נולד מאוחר און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „פיר טויזנט יעריגע מיסטעריע געלייזט!“ · 1טן–5טן מאי 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6350.html#p198539 |
| **אנשי שם • צו עשרה בטבת** | „רבי נתן פון ברסלב – זיינע ערשטע יארן“ · **ברסלבער**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „הרה"ק רבי נתן מברסלב זי"ע – עשרה בטבת תר"ה“ · 21סטן דעצעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9919.html#p313484 |
| **הומאר** | „א פארקינג טיקעט בשמחה“ · **zaltzvaser**<br>זאלצוואסער · בלאג · אשכול „א פארקינג טיקעט בשמחה“ · 20סטן אקטאבער 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/450.html |
| **היינט מיט 8 יאר צוריק** | „און גאט האט געהייסן זאגן“ · **מיימון** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 17טן דעצעמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12783.html |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „א בליק אויף צוריק: פרענומעראנטן פון אמאל“ · **פאטעטא טשיפס** · קאווע שטיבל · ספרים און ביכער · 17טן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5899.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · הײדפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 4טן יאנואר 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6209630 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„וירא את העגלות“ – א ישיבה אדער א בית תלמוד?“ · **ציבעלע-קיגל** · קאווע שטיבל · „מילתא דבדיחותא“ · 20סטן יאנואר 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/66-21.html#p249012 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„ויפל על צוארי בנימין“ – וויפיל העלדזער?“ · **תחכמוני** · קאווע שטיבל · „דרשות חז"ל וסיפורי מעשיות“ · 15טן אפריל 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3437.html#p104902 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„אני יוסף“ – וואס עס פעלט אונז“ · **ברסלבער** · קאווע שטיבל · „חיזוק אין אמונה פאר אונזער דור שפל!!“ · 8טן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5371.html#p166956 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **נקודת-אמת** · קאווע שטיבל · 13טן דעצעמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12771.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 21סטן דעצעמבער – נומער 18; דאנערשטאג, דעם 24סטן דעצעמבער – נומער 19, אויף פרשת ויחי.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.